NEW

# לקוטי שיחות

VAYIGASH ויגש

VOLUME 1, P. 94-102

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

sie

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# VAYIGASH I | ויגש א

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Vayigash*, 5711 (1950)

## Introduction

If your children, parents, brothers, or sisters were in danger, you would do everything possible to save them. You would not hold anything back.

This is the type of total commitment we must have for our fellow Jews as well – and not only when they are in physical danger, but also when they are in spiritual danger. As the Mitteler Rebbe (quoting his father, the Alter Rebbe[1]) proclaimed: "Loving a fellow Jew ought to take hold of one's soul to the last bit."

Using the confrontation between Yehudah and Yosef as his paradigm, the Rebbe challenges us to raise our commitment to the education of Jewish youth to that level.

1. *Igros Kodesh* of the Rebbe Rayatz, letter #1687, Heb. Vol. 6, p. 173; quoted in *Hayom Yom,* entry 18 Av.

# How Much to Sacrifice for One Jewish Child

## Putting Everything at Risk

**1. On the verse,[1] "Yehudah approached him…," our Sages[2] comment that when Yehudah approached Yosef, he was prepared for everything, even for war. Why did Yehudah put himself at risk to such a degree for Binyamin's sake? The Torah** itself answers,[3] **"Your servant guaranteed [the return of] the youth." Therefore, he was prepared even for war.**

**On the surface,** this is difficult to understand: **How could Yehudah** entertain the thought of **fighting against Yosef, when he and his brothers were a mere few individuals, while Yosef was the viceroy of Egypt and had the entire land** and all of its inhabitants at his command?

**True, Yehudah was mighty. However, Yosef and his sons were mightier, as the** ***Midrash*** **relates,[4] when Yehudah and his brothers stamped their feet** on the ground, **the entire land of Egypt shook.** In response, **Yosef demonstrated such strength that Yehudah said, "This man is stronger than I am!" How, then, could he have contemplated fighting him?**

**The reason for this is that Yehudah had taken responsibility for Binyamin – "Your servant guaranteed [the return of]**

א. אוֹיפְ'ן פָּסוּק וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה זָאגְן רַזַ"ל[א] אַז אִין דֶער דָאזִיקֶער הַגָּשָׁה (דֶערְנֶענְטֶערְן זִיךְ) צוּ יוֹסֵף'ן, אִיז יְהוּדָה גֶעוֶוען גְרֵייט אוֹיף אַלְץ, אוֹיךְ אוֹיף מִלְחָמָה.

פַארְוָואס הָאט יְהוּדָה אַזוֹי שְׁטַארְק זִיךְ אַיינגֶעשְׁטֶעלְט פַאר בִּנְיָמִין'עֶן, זָאגְט דֶער פָּסוּק וַוייטֶער "כִּי עַבְדְּךָ עָרַב אֶת הַנַּעַר". אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעוֶוען גְרֵייט אוֹיךְ אוֹיף מִלְחָמָה.

אִין פְּלוּג, ווִי אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען רֶעכְט בַּיי יְהוּדָה'ן מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט יוֹסֵף'ן, בְּשַׁעַת אַז יְהוּדָה מִיט זַיְינֶע בְּרִידֶער זַיְינֶען גֶעוֶוען אַ קְלֵיינֶע צָאל אוּן יוֹסֵף אִיז גֶעוֶוען דֶער הֶערְשֶׁער וָואס הָאט גֶעהַאט אוּנְטֶער זִיךְ גַאנְץ מִצְרַיִם?

אֱמֶת טַאקֶע, אַז יְהוּדָה אִיז גֶעוֶוען אַ גִבּוֹר, אָבֶּער יוֹסֵף מִיט זַיְינֶע קִינְדֶער זַיְינֶען דָאךְ גֶעוֶוען נָאךְ גְרֶעסֶערֶע גִבּוֹרִים, ווִי עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אִין מִדְרָשׁ[ב], אַז בְּשַׁעַת יְהוּדָה מִיט דִי בְּרִידֶער הָאבְּן גֶעגֶעבְּן אַ קְלַאפּ מִיט דִי פִּיס אַז גַאנְץ מִצְרַיִם אִיז אוֹיפְגֶעטְרֵייסְלְט גֶעוָוארְן, הָאט יוֹסֵף אוֹיךְ גֶעווִיזְן אַזַא גְבוּרָה, בִּיז אַז יְהוּדָה הָאט גֶעזָאגְט, זֶה גִבּוֹר מִמֶּנִּי - עֶר אִיז שְׁטַארְקֶער פוּן מִיר - הַיְינְט ווִי אִיז בַּיי אִים גֶעוֶוען רֶעכְט צוּ הַאלְטְן מִלְחָמָה קֶעגְן זַיי?

נָאר דֶער טַעַם אוֹיף דֶעם אִיז: מִצַּד דֶעם וָואס יְהוּדָה הָאט גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ דִי אַחֲרָיוּת פוּן בִּנְיָמִין'עֶן - כִּי עַבְדְּךָ עָרַב אֶת

1. *Bereishis* 44:18.

2. *Bereishis Rabbah* 93:6.

3. *Bereishis* 44:32.

4. *Bereishis Rabbah* 93:7.

**the youth"** – committing **to bring him back to Yaakov.** True, **all the other brothers would** return home **intact. Nevertheless, he** was willing to **sacrifice his life for one Jewish child because he had taken the responsibility for him on himself.**

הַנַּעַר - עֶר זָאל אִים צוּשְׁטֶעלְן צוּ יַעֲקֹב'ן, אִיז נִיט קוּקְנְדִיק אוֹיף דֶעם וָואס עֶס בְּלַײבְּן דָאךְ גַאנְץ דִי אִיבֶּערִיקֶע בְּרִידֶער, הָאט עֶר זִיךְ אָבֶּער מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוֹיף צוּלִיבּ אֵײן אִידִישׁ קִינְד, וַוײל עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַחֲרָיוּת אוֹיף זִיךְ.

## Deriving a Personal Lesson

2. Precisely, **this is the lesson for every father and mother.** Since **G-d entrusted them with the responsibility for each of their** sons and daughters, **even when the matter concerns but a single child, they should** exert themselves to the point of **self-sacrifice** to ensure **that things that should not happen to a Jewish child will in fact not occur to him** or her.

**Self-sacrifice for the sake of the education of Jewish boys and girls in purity** and **holiness leads to** the outcome described at **the conclusion of the Torah reading** – that the Jews **"multiplied and were very fruitful."**[5]

ב. אוּן דָאס אִיז אַן אָנְוַוײזוּנְג אוּן אַ מוּסַר הַשְׂכֵּל פַאר יֶעדֶער פָּאטֶער אוּן מוּטֶער, וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף זֵיי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט דִי אַחֲרָיוּת פוּן יֶעדְן אֵײנֶעם פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אַז זֵיי דַארְפְן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַײן אֲפִילוּ אוֹיף אֵײן קִינְד, אַז מִיט אִים זָאל נִיט פַּאסִירְן דָאס וָואס עֶס דַארְף נִיט פַּאסִירְן מִיט אַ אִידִישׁ קִינְד.

אוּן דוּרְךְ דֶעם מְסִירַת נֶפֶשׁ אוֹיף חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת עַל טַהֲרַת הַקֹּדֶשׁ, קוּמְט מֶען צוּם אוֹיסְפִיר פוּן דֶער סֶדְרָה - וַיִּפְרוּ (אוּן נָאךְ מֶערֶער) וַיִּרְבּוּ (בִּיז צוּ) מְאֹד.

(משיחת ש"פ ויגש, תשי"א)

5. *Bereishis* 47:27. The implication is that they had a prodigious number of children. They were able to be fruitful in this manner because they tapped the level of *yechidah* within their souls, a level that is entirely unbounded (*Toras Menachem,* Vol. 2, p. 199).

א) בראשית רבה צג, ו.
ב) דארט צג, ז.

# VAYIGASH II | ויגש ב

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Shmos,* 5713 (1953)

## Introduction

The Rebbe delivered this *sichah* in the 1950s, when American Jewry was still reeling from the horrors of the Holocaust and struggling to establish Jewish life on new shores. Public school was free and universal. *Yeshivah* education required sacrifice – tuition, maintaining Jewish distinctiveness, and the struggle to swim against the cultural current. In many communities, *yeshivos* had yet to be established, and securing the necessary funding proved daunting.

The Rebbe's message was unequivocal: *Yeshivos* are the lifeline of the Jewish people. Throughout our history, no matter what struggles Jews endured – Egyptian bondage, medieval persecution, and repeated expulsions – they maintained *yeshivos.* And those *yeshivos*, in turn, sustained the Jewish people. Despite overwhelming financial burdens and political pressures, our ancestors continued to send their children to study Torah and to support those institutions, understanding that, without them, Jewish continuity itself was at stake.

When the Rebbe delivered this message, he was breaking new ground, challenging his audience to see *yeshivah* education not as a luxury but as an existential necessity. Today, *yeshivos* are an accepted norm in the Jewish community. Yet the priorities the Rebbe emphasized then remain as vital as ever: that we must never calculate whether we can "afford" Torah education for our children, and that supporting *yeshivos* must take precedence over personal comfort.

# Focused on the Present; Knowing What Will Be

## Before Anything Else

**1. On the verse,[1] "He sent Yehudah ahead of him… to show (*lehoros*) the way to Goshen," *Rashi*, basing himself on the Midrash,[2] comments** that Yaakov sent Yehudah **"to set up a house of study (*hora'ah*) from which directives of law would emerge."**

**When G-d told Yaakov to** descend **to Egypt, Yaakov clarified at the outset – "ahead of him" – that there would be *yeshivos*** where his descendants would study Torah. **True, G-d had promised him that He would accompany him, "I will go down with you to Egypt, and I will also certainly bring you up."[3] Nevertheless, Yaakov made the effort to establish *yeshivos* beforehand. Only then would he go there together with G-d, because *yeshivos* are the foundation that maintains the Jewish people.**

**The *yeshivos* that Yaakov founded endured for the entire time the Jews sojourned in Egypt. As our Sages said,[4] "Throughout the days of our ancestors, a *yeshivah* never left them. When they were in Egypt, there was a *yeshivah* with them, as [evident from] the verse,[5] 'Go and gather the elders of Israel.'"**

**In every era and in every place where the Jews lived, even in Egyptian exile, which was an exceedingly difficult exile, there were *yeshivos* where the Jews** studied **Torah. The reason:**

א. אוֹיפְ'ן פָּסוּק וְאֶת יְהוּדָה שָׁלַח גו' לְהוֹרוֹת לְפָנָיו גֹּשְׁנָה, בְּרֶענְגְט רַשִׁ"י אִין נָאמֶען פוּן מִדְרָשׁ "לְתַקֵּן לוֹ בֵּית תַּלְמוּד שֶׁמִּשָּׁם תֵּצֵא הוֹרָאָה".

בְּשַׁעַת דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן יַעֲקֹב'ן גֵיין אִין מִצְרַיִם, הָאט יַעֲקֹב בַּאווָארְנְט פְרִיעֶר - לְפָנָיו - אַז דָארְטְן זָאלְן זַיְין יְשִׁיבוֹת. הֲגַם דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט מִיט אִים מִיטְגֵיין, "אָנֹכִי אֵרֵד עִמְּךָ מִצְרַיְמָה וְאָנֹכִי אַעַלְךָ גַם עָלֹה", פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט יַעֲקֹב זִיךְ בַּאמִיט צוּגְרֵייטֶען פְרִיעֶר יְשִׁיבוֹת, אוּן עֶרְשְׁט דַאן אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אַהִין מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וַוייל יְשִׁיבוֹת אִיז דֶער יְסוֹד אוּן דֶער קִיּוּם פוּן אִידְן.

אוּן דִי יְשִׁיבוֹת וָואס יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעגְרִינְדֶעט, זַיְינֶען גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע צַיְיט וָואס אִידְן זַיְינֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם, ווִי דִי רַזַ"ל[ג] זָאגְן: מִימֵיהֶן שֶׁל אֲבוֹתֵינוּ לֹא פָּרְשָׁה יְשִׁיבָה מֵהֶם, הָיוּ בְּמִצְרַיִם יְשִׁיבָה עִמָּהֶם, שֶׁנֶּאֱמַר[ד] לֵךְ וְאָסַפְתָּ אֶת זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל.

אִין אַלֶע צַיְיטְן אוּן אִין אַלֶע עֶרְטֶער ווּאו אִידְן זַיְינֶען גֶעוֶוען, אֲפִילוּ אִין גָלוּת מִצְרַיִם, וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁוועֶרעֶר גָלוּת, זַיְינֶען גֶעוֶוען יְשִׁיבוֹת ווּאו מֶען אִיז גֶעזֶעסְן אוּן גֶעלֶערֶענְט

1. *Bereishis* 46:28.

2. *Midrash Tanchuma, Parshas Vayigash,* sec. 11.

3. *Bereishis* 46:4.

4. ***Yoma* 28b.**

5. ***Shmos* 3:16.** The term elder (זָקֵן) refers to "one who acquired wisdom" (*Sifra, Parshas Kedoshim,* sec. 7) implying that they had studied in a *yeshivah* where they acquired wisdom.

**As stated previously, the** very **existence of the Jewish people depends on** ***yeshivos*****.**

תּוֹרָה, וויַיל, ווִי גֶעזָאגְט פְרִיעֶר: יְשִׁיבוֹת זַיְינֶען דֶער עֶקְזִיסְטֶענְץ פוּן אִידִישְׁן פָאלְק.

## Surmounting All Difficulties

**2. The Egyptian exile was the most difficult of all exiles,** more **challenging even than the present exile for several reasons:**

ב. גָלוּת מִצְרַיִם אִיז גֶעווֶען דֶער שְׁווֶערְסְטֶער גָלוּת פוּן אַלֶע גָלוּת'ן, אֲפִילוּ פוּן דֶעם אִיצְטֶערְדִיקְן גָלוּת, מִצַד כַּמָה עִנְיָנִים:

**a) The Egyptian exile preceded the Giving of the Torah. True, even then, the Jews studied Torah, as evident from many statements of our Sages, including the statement** quoted above, **"Throughout the days of our ancestors, a** ***yeshivah*** **never left them." Nevertheless, they were studying Torah with their own power.** Since they were created beings, they had inherent limitations. **No matter how high a created being can reach, it can be no higher than the source of its creation.**[6]

א) גָלוּת מִצְרַיִם אִיז גֶעווֶען נָאךְ פַאר מַתַּן תּוֹרָה. הֲגַם אַז אוֹיךְ דֶעמָאלְט הָאט מֶען גֶעלֶערֶענְט תּוֹרָה, ווִי עֶס אִיז צוּ זֶען פוּן דִי פִיל מַאֲמָרֵי רַזַ"ל, אוֹיךְ פוּן דֶעם מַאֲמָר גוּפָא מִימֵיהֶן שֶׁל אֲבוֹתֵינוּ לֹא פָּרְשָׁה יְשִׁיבָה מֵהֶם, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן, ווִיבַּאלְד אַז דִי תּוֹרָה ווָאס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִיז גֶעווֶען מִיט זֵייעֶר אֵייגֶענֶעם כֹּחַ, אִיז ווִי הוֹיךְ אַ נִבְרָא זָאל נִיט דֶערְלַאנְגֶען - אִיז דָאס נָאר בִּיז שֹׁרֶשׁ הַנִבְרָאִים, אָבֶּער נִיט הֶעכֶער[ו].

**b) The Egyptian exile was the first exile that the Jews underwent. As such, it was extremely difficult to bear. As we see, the first time a person suffers a tragedy, Heaven forbid, it is very difficult to endure. However, if he suffers the same tragedy again, Heaven forbid, it is not that difficult to undergo because he has already** experienced **it.**

ב) גָלוּת מִצְרַיִם אִיז גֶעווֶען דֶער עֶרְשְׁטֶער גָלוּת בַּיי אִידְן, וּבְמֵילָא אִיז דָאס גֶעווֶען זֵייעֶר שְׁווֶער צוּ אִיבֶּערְטְרָאגְן. ווִי מִיר זֶען אַז ווֶען עֶס טְרֶעפְט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם אַן אוּמְגְלִיק רַחֲמָנָא לִצְלַן, אִיז דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל דָאס זֵייעֶר שְׁווֶער אִיבֶּערְצוּטְרָאגְן, אָבֶּער אַז דֶער זֶעלְבֶּער אוּמְגְלִיק טְרֶעפְט זִיךְ בַּיי אִים נָאךְ אַמָאל רַחֲמָנָא לִצְלַן, אִיז שׁוֹין נִיט אַזוֹי שְׁווֶער, ווָארוּם עֶר אִיז שׁוֹין "אַיְינְגֶעווָאוֹינְט" אִין דֶעם.

**c) All the Jews were together during the Egyptian** exile. By contrast, **concerning the later exiles,** our Sages[7] relate that **"The Holy One, blessed be He, performed a kindness for the Jewish people by spreading them out throughout the nations." Since the Jews live in different places, if the Jews are oppressed in one place, they can find respite in another.** Those who do not suffer perse-

ג) אִין מִצְרַיִם זַיְינֶען אַלֶע אִידְן גֶעווֶען צוּזַאמֶען. אִין דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיקֶע גָלוּת'ן אִיז צְדָקָה עָשָׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּיִשְׂרָאֵל שֶׁפִּזְּרָן לְבֵין הָאֻמּוֹת[ז]. אַז אִידְן גֶעפִינֶען זִיךְ אִין פַארְשִׁידֶענֶע פְלֶעצֶער, אִיז אַז מֶען פַּיְינִיקְט אִידְן אִין אֵיין פְּלַאץ קֶען מֶען דֶערְווַיְיל אִיבֶּערְכַאפְּן דֶעם אָטֶעם אִין אַ צְווֵייטְן פְּלַאץ, אוּן אוֹיךְ הֶעלְפְן דִי אִידְן ווָאס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין

---

6. **See** ***Likkutei Sichos,*** **Vol. 1, p. 40ff.,** which explains that the created beings have the potential to refine themselves and tap the level of G-dliness which is their source. However, the level of G-dliness that transcends their existence, G-d as He is for Himself, is beyond them. Access to that level of G-dliness is possible only through the Torah.

7. ***Pesachim*** **87b.**

cution **can help those who are confronted by difficulty. However, in Egypt, all the Jews were in one place and under one** oppressive **ruler.**

**d) Egypt was a harsh land. Not even one servant could escape from there.**[8] **Yet it was necessary for 600,000 men, as well as the women and children, to flee.**

**Nevertheless, in the face of all these difficulties, "a *yeshivah* never left them." There were always *yeshivos* where the Jews studied Torah.**

דֶעם שְׁווֶערְן מַצָּב. דַאקֶעגְן אִין מִצְרַיִם זַיְינֶען אַלֶע אִידְן גֶעוֶוען אִין אֵיין פְּלַאץ אוּן אוּנְטֶער אֵיין מֶמְשָׁלָה.

ד) מִצְרַיִם אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע לַאנְד, אַז אֲפִילוּ קֵיין עֶבֶד׳ הָאט נִיט גֶעקֶענְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְטְן, אוּן דָא הָאבְּן גֶעדַארְפְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם שִׁשִּׁים רִבּוֹא לְבַד נָשִׁים וְטַף (זֶעקְס מָאל הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אוֹיסֶער פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער).

פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, נִיט קוּקְנְדִיק אוֹיף דִי אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן, לֹא פֵּרְשָׁה יְשִׁיבָה מֵהֶם. עֶס זַיְינֶען גֶעוֶוען שְׁטֶענְדִיק יְשִׁיבוֹת אִין וֶועלְכֶע מֶען אִיז גֶעזֶעסְן אוּן גֶעלֶערֶענְט תּוֹרָה.

## To Act, Rather than to Calculate

3. As mentioned many times, the **Torah is not a history book, Heaven forbid. Instead, any concept or story – indeed every letter in the Torah – serves as instruction in every time and place.**

**There are those who claim that now is not the time for *yeshivos.* In our difficult situation,** they argue, **a *Talmud Torah*** (an afternoon school) **is sufficient. And if** one will say that ***yeshivos*** **are necessary,** they **cannot be *yeshivos* like they used to be….**

**The lesson from the exile in Egypt** provides an answer to these claims. **The situation in Egypt was far more difficult than at present. Nevertheless,** the Jews **did not make reckonings** of this nature; **they studied the Torah. Furthermore, not only did they not make** such **calculations regarding the difficult situation of exile, they did not even make a reckoning of** a spiritual nature – **to what level** of G-dliness **did the Torah they studied reach, whether to the source of the created beings or higher.**

ג. מֶען הָאט שׁוֹין גֶערֶעדְט מֶערֶערֶע מָאל, אַז תּוֹרָה אִיז נִיט חַס וְשָׁלוֹם קֵיין הִיסְטָארְיֶע־בּוּךְ, נָאר יֶעדֶער עִנְיָן אוּן סִיפּוּר, אֲפִילוּ יֶעדֶער אוֹת פוּן תּוֹרָה, אִיז אַן אָנְווַייזוּנְג אִין יֶעדֶער צַיְיט אוּן אָרְט.

פַארַאן אַזֶעלְכֶע וָואס טַעֲנֶה׳ן, אַז אִיצְטֶער אִיז נִיט קֵיין צַיְיט פוּן יְשִׁיבוֹת, אִין אַזַא שְׁווֶערְן צוּשְׁטַאנְד אִיז גֶענוּג אוֹיךְ אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן אוֹיבּ שׁוֹין יָא יְשִׁיבוֹת, אִיז אָבֶּער נִיט קֵיין יְשִׁיבוֹת ווִי אַמָאל, אוּן אַזוֹי וַוייְטֶער.

אוֹיף דֶעם אִיז דִי הוֹרָאָה פוּן גָלוּת מִצְרַיִם: דָארְט, אִין מִצְרַיִם, אִיז גֶעוֶוען אַ סַךְ אַ שְׁוֶוערֶערֶער צוּשְׁטַאנְד ווִי אִיצְטֶער, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט מֶען נִיט גֶעמַאכְט קֵיין חֶשְׁבּוֹנוֹת אוּן מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה. נָאךְ מֶערֶער: נִיט נָאר וָואס מֶען הָאט נִיט גֶעמַאכְט קֵיין חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן דֶעם שְׁווֶערְן מַצָּב פוּן גָלוּת, מֶען הָאט אוֹיךְ נִיט גֶעמַאכְט קֵיין חֶשְׁבּוֹנוֹת וואוּהִין דִי תּוֹרָה דֶערְלַאנְגְט, צִי אִין שֹׁרֶשׁ הַנִּבְרָאִים צִי הֶעכֶער.

8. *Mechilta, Rashi* on *Shmos* 18:9.

**At present, the exile is far lighter than it was then, and** the spiritual heights reached **through the study of Torah are much loftier. Certainly, then, we should not make any reckonings and** understand that *yeshivos* **are** fundamentally **necessary.**

הַיְינְט אִיצְטֶער אַז דֶער גָלוּת אִיז אַ סַךְ גְרִינְגֶער ווִי דֶעמָאלְט, אוּן דֶער לִימּוּד הַתּוֹרָה אִיז אַ סַךְ הֶעכֶער ווִי דֶעמָאלְט, דַארְף מֶען אַוַדַאי נִיט מַאכְן קֵיין חֶשְׁבּוֹנוֹת אוּן עֶס דַארְפְן זַיְין יְשִׁיבוֹת.

## Not a Time for Procrastination

**4. The same concept applies regarding supporting** *yeshivos:* **There are those who claim that at present they feel constrained – constrained intellectually and constrained financially.** They promise: **After they eat, drink, and sleep, and their financial resources improve, they will then donate to a** *yeshivah.* Not only that, they **will act with self-sacrifice and place their own children in a** *yeshivah* **– until they reach the age of 13.**

ד. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בְּנוֹגֵעַ אוֹיסְהַאלְטְן יְשִׁיבוֹת: פַאראַן אַזֶעלְכֶע וָואס טַעֲנֶה'ן אַז אִיצְטֶער אִיז אִים עֶנְג - עֶנְג אִין קָאפּ אוּן עֶנג אִין קֶעשֶׁענֶע, - אַז עֶר וֶועט אָפְּעֶסְן, אָפְּטְרִינְקְן אוּן אוֹיסְשְׁלָאפְן זִיךְ, אוּן עֶס וֶועט אִים וֶוערְן בְּרֵייטֶער אִין קֶעשֶׁענֶע, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר גֶעבְן אוֹיף דֶער יְשִׁיבָה, אוּן עֶר וֶועט נָאךְ פְּרַאוֶוען מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן גֶעבְן אוֹיךְ זַיְינֶע קִינְדֶער אִין יְשִׁיבָה, בִּיז דְרַיְיצְן יָאר.

The response to be given to **them is that Egypt was a far more difficult exile. The Jews did not** even **possess straw.** To fulfill their quota of bricks, **they had to go wandering around a strange country looking for straw while the taskmasters stood over them,** threatening them **with whips poised over their heads and their shoulders. Nevertheless, although they did not have straw of their own, they still supported** *yeshivos.*

דַארְף מֶען אִים זָאגְן: מִצְרַיִם אִיז גֶעווֶען אַ סַךְ אַ שְׁווֶערֶערֶער גָלוּת. מֶען הָאט אֲפִילוּ קֵיין אֵייגֶענֶע קַשׁ - שְׁטְרוֹי - נִיט גֶעהַאט אוּן מְ'הָאט גֶעדַארְפְט אַרוּמְגֵיין אִין אַ פְרֶעמְדֶע מְדִינָה זוּכְן שְׁטְרוֹי, בְּשַׁעַת דִי נוֹגְשִׂים זַיְינֶען גֶעשְׁטַאנֶען מִיטְן בַּיְיטשׁ אִיבֶּערְן קָאפּ אוּן אִיבֶּער דֶער פְּלֵייצֶע, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן - קֵיין אֵייגֶענֶע שְׁטְרוֹי אִיז טַאקֶע נִיט גֶעווֶען, אָבֶּער יְשִׁיבוֹת הָאט מֶען אוֹיסְגֶעהַאלְטְן.

## A Subtle, but Powerful Influence

**5. The Talmud[9] poses a query: Is it better to pass through a street where there are prostitutes or one where there are places of worship of false deities?**

**On the surface,** the nature of the question **is perplexing: Merely passing by prostitutes is unacceptable;** one will be exposed **to something**

ה. אִין גְמָרָא[ח] אִיז פַאראַן אַ קְלֶער, ווָאוּ אִיז עֶרְגֶער פַארְבַּיי צוּ גֵיין - דוּרְךְ אַ גַאס פוּן זוֹנוֹת אָדֶער פַארְבַּיי אַן עֲבוֹדָה זָרָה. אִין פְּלוּג, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין - מֵילָא גֵיין פַארְבַּיי זוֹנוֹת

9. *Avodah Zarah* 17a.

טוֹיג נִיט מִצַּד רְאִיָּה, ווָארוּם רְאִיָּה אֲפִילוּ אָן הִרְהוּר - אִיז מְעוֹרֵר כַּיָּדוּעַ[ט], אָבֶּער ווָאס אַרְט דָאס אַז עֶר ווֶעט גֵיין פַארְבַּיי אַן עֲבוֹדָה זָרָה? דֶער טַעַם פוּן רְאִיָּה אִיז דָאךְ דָארְטְן נִיט שַׁיָּיךְ, ווָארוּם ווָאס ווֶעט עֶר זֶען אוֹיסֶער הָאלְץ אוּן שְׁטֵיינֶער? נָאר דֶער טַעַם אִיז: יֶעדֶער זַאךְ פּוֹעֵל'ט אוֹיף דֶעם אֲוִיר ווָאס אַרוּם אִים, אוּן אִין אַן אָרְט ווָאס ס'אִיז פַארַאן טוּמְאָה, אִיז אִין יֶענֶעם אֲוִיר דָא הַמְשָׁכַת הַטוּמְאָה, אוּן דֶער אֲוִיר קֶען פּוֹעֵל'ן אוֹיפְן מֶענְטְשְׁן[י].

אַנְטְקֶעגְן ווָאס זָאג אִיךְ דָאס?

דֶער אֲוִיר פוּן גַאס, אַז אִיצְטֶער אִיז נִיט קֵיין צַיְיט אוֹיף יְשִׁיבוֹת - הָאט גֶע'פּוֹעֵל'ט אוֹיךְ אוֹיף אַ טֵייל תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבוֹת.

עֶס זַיְינֶען דָא תַּלְמִידִים ווָאס טַעֲנָה'ן, אַז זֵיי אִיז שְׁווֶער צוּ לֶערְנֶען ווִי מֶען בַּאדַארְף, ווַיְיל זֵיי מוּזְן זִיךְ פְּרִיעֶר פַארְזָארְגְן מִיט פַּרְנָסָה. עֶר קֶען נִיט לֶערְנֶען רוּאִיק, ווָארוּם עֶס דְרִיקְט אִים שׁוֹין אִין קָאפּ, מִיט ווָאס ווֶעט עֶר מְפַרְנֵס זַיְין דִי קִינְדֶער ווָאס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווֶעט אִים גֶעבְּן נָאכְדֶעם ווִי עֶר ווֶעט קוּמֶען צוּ דֶער צַיְיט פוּן שִׁידוּכִים, אוּן מֶען ווֶעט טָאן אִין דֶעם, אוּן עֶר ווֶעט גֶעפִינֶען זַיְין בַּת גִילוֹ, אוּן עֶס ווֶעט זַיְין תְּנָאִים אוּן דֶערְנָאךְ חֲתוּנָּה אוּן דֶערְנָאךְ ווֶעלְן גֶעבָּארְן ווֶערְן קִינְדֶער בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת. אוֹיךְ דַאֲגָה'ט

**he should not see, for even seeing** a lewd sight, **without even giving it a thought, is arousing, as is well known.**[10] **However,** how can merely **passing by a place of false worship** be harmful? **The fact that sight** itself can have an adverse effect **does not seem relevant.** After all, **what is the person seeing aside from wood and stones?**

**The explanation is that everything affects the surrounding atmosphere. Where there is an impure object, impurity is manifest in the atmosphere –** there is an "aura" of the place, so to speak. **And it can affect a person.**[11]

**Concerning what am I making these statements? The atmosphere of the broader world** and its attitude **– that this is not the time for** ***yeshivos*** **– has also affected some** ***yeshivah*** **students. There are students who claim that it is challenging to study the way one should because they have to first secure their** future **livelihood.**[12] A student **cannot study with a relaxed mind because he already feels pressure: How will he** be able to **provide for the children that G-d will give him?** He is thinking well into the future: He is worried about what will happen **after he reaches the time when he is** preparing to **find a match. He will invest effort in that** endeavor, **and then find the one destined for him, and then the marriage agreements will have to be made, then the wedding will take place, and then children will be born in a good and an auspicious hour. In addition** to all that, **he is worried about** the in-

---

**10.** ***Mishnah Zavim*** **2:2.** which explains that the very sight of an undesirable matter will either consciously or subconsciously lead to thought. **See also** ***Kuntreis HaAvodah,*** **ch. 2,** which elaborates regarding the negative effects of undesirable sights on the soul.

**11. See also** ***Hayom Yom,*** **entry 11 Teves, regarding the effect of the atmosphere** of a place on a person. That source quotes the Rebbe Rayatz: "A person's life depends upon the air around him: without air one cannot live. Moreover, the kind of air in which one lives determines the quality of one's life. When a person lives in an atmosphere of Torah and *mitzvos,* his life is healthy. When he lives in an atmosphere that denies G-d, his life is sickly and he is under constant risk of contagion." **See also** the length explanation in ***Kovetz Lubavitch,*** **year 1, issue 4, p. 63 (the** ***Igros Kodesh*** **of the Rebbe, Vol. 1, p. 235ff.).**

12. The unedited text of the *farbrengen* quotes remarks the Rebbe made concerning the difference between the worries of these students and the genuine worries of the students in previous generations when they suffered financial lack and the dangers of Stalinist oppression. Despite those genuine difficulties, they studied Torah diligently.

heritance **he will leave** for his children **after 120 years.** For all these reasons, **he – or, at least, his power of concentration – has already** left the *yeshivah* and **gone out to the broader world. He thinks about** reaching **financial objectives (*tachlis*).**

עֶר וָואס וֶועט עֶר זַיי אִיבֶּערְלָאזְן נָאךְ הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיק יָאר, וּבְמֵילָא גֵייט עֶר שׁוֹין אַוֶועק אִין גַאס - עַל כָּל פָּנִים זַיין כֹּחַ הַעֲמָקָה גֵייט אַוֶועק - אוּן טְרַאכְט וֶועגְן "תַּכְלִית" פוּן פַּרְנָסָה.

**What is the source from which these feelings come to a *yeshivah* student? From the surrounding atmosphere. True, the Rebbe** Rayatz[13] **said that the ice of America** – the apathy towards genuine Jewish involvement – **has already begun to melt. Nevertheless, there is a** great **difference between the ice starting to melt and reaching a state in which one is steaming with** the warmth generated by **"G-d your Lord is a consuming fire."**[14] **Furthermore, some remnants of** the ice that existed **beforehand remain, and these students are affected by these remnants.**

פוּן וַואנֶען קוּמְט אַזַא גֶעפִיל צוּ תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבוֹת? - פוּן דֶעם אֲוִיר פוּן גַאס כַּנַ"ל. ווָארוּם, כָּאטשׁ, דֶער רֶבִּי דֶער שְׁוֶוער הָאט גֶעזָאגְט, אַז דִי אַיְיז (אִין אַמֶערִיקֶע) הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶערִירְט, אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז פַארַאן אַ חִילוּק אוּן אַ מֶרְחָק אִין דֶעם אַיְיז פוּן "זִיךְ גֶערִירְט", בִּיז אַז עֶס זָאל זִידְן אוּן קָאכְן מִיט דֶעם הֲוָיָ' אֱלֹקֶיךָ אֵשׁ אוֹכְלָה הוּא[יא]. דֶערְצוּ זַיינֶען נָאךְ אוֹיךְ פַארְבְּלִיבְּן שִׁירַיִם פוּן פְרִיעֶר, אוּן דֶער סוּג תַּלְמִידִים כַאפְּן פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיקֶע שִׁירַיִם.

## Our Mission: To Finish the Task

**6. Some justification exists for those** students who think this way – it is not inherent to them; **it comes from the atmosphere of the surroundings.** That said, **it should not be this way. There is also a lesson from this** week's Torah reading **regarding that point:**

ו. אַ לִימוּד זְכוּת אִיז טַאקֶע דָא אוֹיף זַיי, אַז דָאס קוּמְט פוּן דֶער אַטְמָאסְפֶער פוּן דֶער סְבִיבָה כַּנַ"ל, אָבֶּער עֶס דַארְף דָאךְ נִיט זַיין אַזוֹי. אוּן אוֹיךְ אוֹיף דֶעם אִיז דָא אַ הוֹרָאָה מֵהַנַ"ל:

**In Egypt, besides it being a very difficult exile, the conditions were** so difficult that **they could not even contemplate leaving exile. When Moshe** came and **conveyed the message of redemption, "they did not listen to Moshe because of** their **shortness of spirit and** their **difficult work."**[15] But look at the positive: **Nevertheless,** even when they were severely oppressed, **before Moshe came and told them** in G-d's name, **"I have brought [you] to My attention,"**[16] **they did not make any reckonings**

אִין מִצְרַיִם אִיז אוֹיסֶער דֶעם וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶער גָלוּת כַּנַ"ל, אִיז מֶען גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק דֶערְדְרִיקְט אַז מ'הָאט גָאר נִיט פַארְנוּמֶען אַ מַחֲשָׁבָה וֶועגְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת. בְּשַׁעַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אָנְגֶעזָאגְט דִי בְּשׂוֹרַת הַגְאוּלָּה אִיז - וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבוֹדָה קָשָׁה[יב], אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, אִיז אֲפִילוּ אֵיידֶער מֹשֶׁה אִיז גֶעקוּמֶען אוּן גֶעזָאגְט פָּקַדְתִּי, הָאט מֶען נִיט גֶעטְרַאכְט חֶשְׁבּוֹנוֹת, וָואס וֶועט

13. See *Sefer HaMaamarim 5710*, p. 190ff.

14. ***Devarim*** **4:24.**

15. ***Shmos*** **6:9.**

16. Ibid. 3:16. This verse conveyed the promise of redemption, as *Rashi*, *Shmos* 3:18 3:18 and *Pesikasa Zutrasa, et al.,* state in their comments on this verse.

זַיְין דֶער "תַּכְלִית", נָאר מְ'אִיז גֶעזֶעסְן אִין יְשִׁיבוֹת אוּן גֶעלֶערְנְט. אִיז מִכָּל שֶׁכֵּן אִיצְטֶער דַארְף נִיט אַיְינְגֵיין אִין קָאפּ, "וָואס וֶועט זַיְין דֶער תַּכְלִית", אוּן מֶען דַארְף זִיצְן אוּן לֶערְנֶען נִיט טְרַאכְטְנְדִיק קֵיין חֶשְׁבּוֹנוֹת.

וּבִפְרַט אַז אִיצְטֶער אִיז דִי עֲבוֹדָה אַ סַךְ אַ גְרִינְגֶערֶע ווִי דֶעמָאלְט. ווִי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט[יג] אַז ר"ב נִיצוֹצוֹת פוּן דִי רפ"ח נִיצוֹצוֹת שֶׁנָּפְלוּ, הָאט מֶען מְבָרֵר גֶעווֶען אִין גָלוּת מִצְרַיִם, ווִי עֶס שְׁטֵייט וְגַם עֵרֶב רַ"ב עָלוּ אִתָּם אוּן עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן נִיט מֶער ווִי פּ"ו נִיצוֹצוֹת בְּגִימַטְרִיָּא אֱלֹקִים, אוּן אוֹיךְ פוּן דִי פּ"ו נִיצוֹצוֹת גוּפָא, הָאבְּן אִידְן בְּמֶשֶׁךְ הַזְּמַן, מִיט שְׁווֵייס אוּן מִיט בְּלוּט, אַ סַךְ פוּן זֵיי מְבָרֵר גֶעווֶען, אוּן סְ'אִיז גֶעבְּלִיבְּן נָאר פַּכִּים קְטַנִּים וָואס מְ'דַארְף מְבָרֵר זַיְין.

וּבְמֵילָא אִיז דָאךְ דִי עֲבוֹדָה אַ סַךְ אַ לַיְיכְטֶערֶע, ווַיְיל: א) עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן נָאר אַ מִיעוּט צוּ מְבָרֵר זַיְין. ב) עֶס אִיז פַאראַן דֶער סִיּוּעַ הַנִּיצוֹצוֹת וָואס מְ'הָאט שׁוֹין מְבָרֵר גֶעווֶען.

(משיחת ש"פ שמות, תשי"ג)

**about what will ultimately** be; they established *yeshivos,* **studying** there **and learning Torah. How much more so is this true at present! The thoughts of "What will be in the future?" should not enter** a student's **mind. He should sit and study without making any calculations.**

**This is particularly true because our service** of G-d **is much easier than it was then. As is well known,**[17] with the Shattering of the Vessels of *Tohu,* **288 sparks of G-dliness fell** and became embedded in the world's material substance. **Of these, 202 were elevated through the Egyptian exile,** as alluded to in **the verse,**[18] **"a mixed multitude (עֵרֶב רַב) ascended with them" – רַב** is equivalent to 202. **Only 86 sparks** of G-dliness **remained – 86 is the numerical equivalent of G-d's name *Elokim*** (אֱ-לֹהִים)**. Over the course of** centuries, **with sweat and blood, many of these** 86 sparks **have been elevated; only "small jugs"**[19] **remain that must still be elevated.**

**As such, the service** left to us **is much easier. Firstly, only a small number** of sparks **remain to be refined, and** secondly, **the sparks that have already been refined** also **assist** in these efforts.

17. *Torah Or*, p. 60c.

18. *Shmos* 12:38.

19. Cf. *Rashi, Bereishis* 32:25.

ג) יומא כח, ב.
ד) שמות ג, טז.
ה) זע לקו"ש ח"א עמוד 40 און ווייטער.
ו) פסחים פז, ב.
ז) מכילתא. רש"י על התורה שמות יח, ט.
ח) עבודה זרה יז, א.
ט) משנה זבים פרק ב משנה ב. זע אויך קונטרס העבודה פרק ב.
י) וועגן דער ווירקונג פון לופט, זע אויך אין "היום יום" - י"א טבת. "קובץ ליובאוויטש" שנה ראשונה חוברת ד' ע' 63 (אגרות קודש ח"א ע' רלה ואילך).
יא) דברים ד, כד.
יב) שמות ו, ט.
יג) תורה אור ס, ג,

# VAYIGASH III | ויגש ג

Adapted from a *sichah* delivered on the second night of Pesach, 5714 (1954)

## Introduction

It has happened time and time again. We have a good idea, and everything seems to be working well initially, but then… Yes, good intentions alone don't guarantee positive outcomes. Even when we act with the purest motives, our actions can ultimately lead to consequences far different from what we intended.

Our own judgment – however sincere – and our well-meaning efforts will not always bring about the results we anticipated. The *sichah* that follows gives us examples of Yosef, who led the Jewish people as the Egyptian exile began, and of Moshe, whom G-d chose as the agent to redeem them from that exile. Great as they were, when they relied on their own initiative, they unintentionally made mistakes with dire consequences.

It does not have to be this way. We can avoid such errors by checking our initiatives against the objective standard G-d outlined in Torah Law. As the Creator of existence, He understands the ultimate consequences of actions in ways we cannot foresee. Even when an approach sounds appealing to us, we should verify that it aligns with Torah's guidelines before implementing it.

# Yosef's Error and Its Consequence

## Two Pronunciations, Two Meanings

**1. The writings of the *AriZal*[1] explain that by** telling the Egyptians, ***Hei lachem zera,*** **"Behold, here is seed for you,"[2] and compelling them to circumcise themselves,[3] Yosef increased the vitality of the Egyptians,** the forces of ***kelipah,*** and strengthened **the Egyptian exile.** By contrast, the announcement, ***Hei lachma anya,*** **"Here [for you] is the bread of affliction," the** opening **passage** of *Maggid* in the *Haggadah,* **alludes to the redemption.**

**This is also the reason why, according to the *nusach* (the version of the text) used by the *AriZal,* one should read *hei* (הֵא) with a *tzeirei* and not *haw* (הָא) with a *kametz.***

**The difference between** the two is not only in pronunciation; **the meaning also changes. הָא לַחְמָא עַנְיָא means "This is the bread of affliction that our ancestors ate in the land of Egypt." הֵא לַחְמָא עַנְיָא means "Here [for you is – i.e., take –] the bread of affliction…."[4]**

א. עֶס שְׁטֵייט אִין כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל[יד], אַז דוּרְךְ דֶעם "הֵא לָכֶם זֶרַע" וָואס אִין דֶעם אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעדֵייט אַז יוֹסֵף הָאט זֵיי גֶעמַל'ט, הָאט מֶען מוֹסִיף גֶעוועֶן חַיּוּת אִין מִצְרַיִם - קְלִיפּוֹת, - עִנְיַן גָלוּת מִצְרַיִם. אוּן אִין הֵא לַחְמָא עַנְיָא אִיז מְרוּמָּז אוֹיךְ דִי גְאוּלָּה.

- דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער טַעַם וָואס נוּסַח הָאֲרִיזַ"ל אִין דֶער פִּיסְקָא הֵא לַחְמָא עַנְיָא אִיז - הֵא בְּצֵירֵי אוּן נִיט הָא בְּקָמַץ.

(דֶער חִילוּק פוּן הָא בְּקָמַץ בִּיז הֵא בְּצֵירֵי אִיז אוֹיךְ אִין פֵּירוּשׁ: הָא (בְּקָמַץ) לַחְמָא עַנְיָא כו' אִיז דֶער טַיְיטשׁ: דָאס אִיז דִי לַחְמָא עַנְיָא וָואס אֲכָלוּ אַבְהָתָנָא בְּאַרְעָא דְמִצְרַיִם, אוּן הֵא (בְּצֵירֵי) לַחְמָא עַנְיָא כו' אִיז דֶער פְּשַׁט: נַאט אַיְיךְ[טו] לַחְמָא עַנְיָא).

## Good Intentions, Unintended Harm

**2. To understand how the phrase, "Take the bread of affliction," serves as a precaution** lest we duplicate Yosef's mistake **– and, furthermore, corrects [his statement,] "Behold, here is seed for you" – it is first necessary to clarify the impairment brought about by that statement.**

ב. בִּכְדֵי צוּ פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי דֶער "הֵא לַחְמָא עַנְיָא" אִיז אַ בַּאווָארֶענִישׁ אוּן אַ תִּיקוּן אוֹיף דֶעם "הֵא לָכֶם זֶרַע", דַארְף מֶען פְרִיעֶר דֶערְקְלֶערְן דֶעם עִנְיָן פוּן דֶעם קִלְקוּל - שָׁאדְן - וָואס עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דֶעם וָואס יוֹסֵף הָאט גֶעזָאגְט, הֵא לָכֶם זֶרַע.

---

1. ***Pri Eitz Chayim, Shaar Chag HaMatzos,* ch. 7; the *Haggadah* in *Siddur HaArizal.***

2. *Bereishis* 47:23.

3. *Rashi* and *Yalkut Shimoni on Bereishis,* 41:55.

4. **This interpretation is reflected** in ***Midrash Lekach Tov* which interprets *Bereishis* 47:23** as resembling *Shmos* 2:9, ***heilechi,*** which means **"take,"** and has the implication (see *Rashi* to the verse), **"This is yours."**

**On the surface, it is difficult to understand why Yosef's statement is considered undesirable. From a logical perspective, it would appear that Yosef's conduct in telling** the Egyptians, **"Behold, here is seed for you,"** and having them circumcise themselves, **should not have led to a deficiency, but, on the contrary, should have been praiseworthy. Yosef** made that statement after **transferring the** entire **Egyptian populace from one place to another.**[5] His intent in doing so was to **remove shame from his brothers so that they would not be referred to as "exiles."**[6] Similarly, a positive intent motivated all of his actions. **As is well known, Yosef's spiritual quality is** reflected by the verse,[7] **"A *tzadik* is the foundation of the world." All of his actions drew down G-dliness** into the world. Similarly, in this instance, **there was a positive intent in** telling the Egyptians to circumcise themselves: **to draw down and spread G-dliness to everyone, even to the Egyptians.**

**However, the** drawback **in** this was that **Yosef acted on his own initiative. True, he did bring the Egyptians closer to holiness. Nevertheless, he acted on his own initiative,** and by doing so, **he increased the vitality of** the forces of ***kelipah* because, according to their standing, the Egyptians were not at all worthy of that** additional energy.

**As such,** his actions **strengthened the Egyptian exile. This is the** connection to **"Take the bread of affliction** that our ancestors ate **in the land of Egypt." Yosef saying, "Behold, here is seed for you,"** and having the Egyptians circumcise themselves, **was a cause of the strength of the Egyptian exile.**

אִין פְּלוּג אִיז דָאךְ נִיט פַאַרְשְׁטַאנְדִיק פַאַרְוָואס הָאט דֶער "הֵא לָכֶם זֶרַע", וָואס יוֹסֵף הָאט גֶעזָאגְט צוּ דִי מִצְרִיִּים, נִיט גֶעטוֹיגְט. עַל פִּי שֵׂכֶל דַארְף דָאךְ אוֹיסְקוּמֶען, אַז דִי הַנְהָגָה פוּן יוֹסֵף'ן בִּכְלַל וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט הֵא לָכֶם זֶרַע, אִיז נִיט נָאר וָואס עֶס הָאט נִיט גֶעדַארְפְט בְּרֶענְגֶען קֵיין חִסָּרוֹן, נָאר אַדְּרַבָּה, נָאךְ אַ מַעֲלָה. אוֹיסֶער דֶעם וָואס מִיט דֶעם "וְאֶת הָעָם הֶעֱבִיר" גו' - אִיבֶּערְפִירְנְדִיק דִי מִצְרִיִּים פוּן אֵיין אָרְט צוּם צְוֵייטְן הָאט עֶר אַרָאפְּגֶענוּמֶען דִי שַׁאנְד פוּן זַיְינֶע בְּרִידֶער, מֶען זָאל זֵיי נִיט רוּפְן גוֹלִים (גָלוּת־מֶענְטשְׁן)[טז], אִיז דָאךְ אוֹיךְ יָדוּעַ אַז דֶער עִנְיָן פוּן יוֹסֵף בְּרוּחְנִיּוּת אִיז צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם[יז] אוּן זַיְינֶע אַלֶע עוּבְדוֹת זַיְינֶען גֶעוֶוען הַשְׁפָּעוֹת פוּן גֶ־טְלֶעכְקַיְיט - אִיז דָאךְ דָאס דִי כַּוָּנָה הָרְצוּיָה צוּ פַאַרְשְׁפְּרֵייטְן אוּן מַשְׁפִּיעַ זַיְין גֶ־טְלֶעכְקַיְיט צוּ אַלֶעמֶען, אֲפִילוּ צוּ מִצְרִיִּים?

נָאר דֶער עִנְיָן אִיז:

יוֹסֵף הָאט דָאס גֶעטָאן מִדַּעַת עַצְמוֹ. דֶערְפַאר אִיז כָאטשׁ עֶר הָאט טַאקֶע גֶע'פּוֹעֶל'ט בַּיי דִי מִצְרִיִּים אַ דֶערְנֶענְטֶערוּנְג צוּ קְדוּשָׁה, אָבֶער וִויבַּאלְד עֶר הָאט דָאס גֶעטָאן מִדַּעַת עַצְמוֹ, הָאט עֶס גֶעבְּרַאכְט אַ הוֹסָפָה פוּן חַיּוּת - לֶעבְּן - אִין קְלִיפּוֹת, וַוְיל מִצְרַיִם, פוּן זֵייעֶר זַיְיט, זַיְינֶען נָאךְ אִינְגַאנְצְן נִיט גֶעוֶוען רָאוּי צוּ דֶעם.

דָאס הָאט גֶעבְּרַאכְט דִי שְׁטַארְקַיְיט פוּן גָלוּת מִצְרַיִם, וָואס דָאס אִיז דֶער פְּשַׁט פוּן הֵא לַחְמָא עַנְיָא כו' בְּאַרְעָא דְמִצְרַיִם, אַז דָאס וָואס יוֹסֵף הָאט גֶעזָאגְט הֵא לָכֶם זֶרַע, אִיז גֶעוֶוען אַ סִבָּה אוֹיף דֶער שְׁטַארְקַיְיט פוּן גָלוּת מִצְרַיִם.

5. *Bereishis* 47:21.

6. ***Chulin* 60b,** quoted by *Rashi* in his commentary on the above verse.

**7. *Mishlei* 10:25.**

We find a parallel in Moshe's conduct: **On his own initiative, he accepted the *eirav rav,*** the mixed multitude of converts that accompanied the Jews out of Egypt. **This led to the sin of the** Golden **Calf, as alluded to in G-d's statement to him,[8] "The nation that you led up have become debased."** G-d was implying that the fault lay with Moshe's initiative, as He said **"you led up,"** i.e., you acted on your own.[9]

עֶנְלֶעך גֶעפִינְט מֶען אוֹיךְ בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען דֶעם עֵרֶב רַב מִדַעַת עַצְמוֹ, הָאט דָאס גֶעבְּרַאכְט דֶעם חֵטְא פוּן עֵגֶל. ווִי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט[ח] שִׁחֵת עַמְּךָ אֲשֶׁר הֶעֱלֵיתָ גו' - וָואס דוּ הָאסְט זֵיי אַרוֹיפְגֶעבְּרַאכְט[ט].

## Brotherly Outreach – Unrestricted Love, Uncompromised Torah

**3. In many of his letters[10] and also in several of his *maamarim,*[11] my revered father-in-law, the Rebbe** Rayatz, emphasizes **that from every matter that one learns, it is fundamentally important is to derive a *bechain,* a pertinent and applicable lesson, in our Divine service.**

ג. כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר שְׁרַייבְּט אִין אַ סַךְ פוּן זַיְינֶע בְּרִיוו, אוֹיךְ אִיז דָאס פַאַראן אִין פַארְשִׁידֶענֶע מַאֲמָרִים, אַז פוּן יֶעדֶער זַאךְ וָואס מֶען לֶערְנְט אִיז דֶער עִיקָר: אַרוֹיסנֶעמֶען פוּן דֶעם אַ בְּכֵן אִין עֲבוֹדָה.

**The application of the concept mentioned beforehand in our Divine service is: We are continuously being called upon to draw everyone close, regardless of who they are** or their state. **Nevertheless, we must always keep in mind that we ourselves should not stray from the** Torah's **path. Drawing the other close cannot involve making any compromises in the Torah and its *mitzvos,* Heaven forbid.**

דֶער פְּרִיעֶרְדִיקֶער עִנְיָן אִין שַׁיְיכוּת צוּ עֲבוֹדָה אִיז:

מֶען מָאנְט דָאךְ שְׁטֶענְדִיק, מֶען זָאל מְקָרֵב זַיְין אַלֶעמֶען, נִיט רֶעכֶענֶענְדִיק זִיךְ ווֶער עֶס זָאל נִיט זַיְין. אָבֶּער מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיק גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען זָאל אַלֵיין נִיט אָפְּטְרֶעטְן, אוּן דֶער קִירוּב וָואס מֶען אִיז יֶענֶעם מְקָרֵב דַארְף זַיְין אָן קֵיינֶע פְּשָׁרוֹת חַס וְשָׁלוֹם אִין תּוֹרָה אוּן מִצְוֹות.

**There is a well-known saying: When someone is drowning, it is necessary to save him, but** when doing so, **one must be careful that one does not drown oneself.**

אוּן לוֹיט דֶעם בַּאוואוּסְטְן וָוארְט, אַז בְּשַׁעַת אֵיינֶער טְרִינְקְט זִיךְ רַחֲמָנָא לִצְלַן מוּז מֶען אִים רַאטֶעווֶען, אָבֶּער מֶען דַארְף זַיְין פָארְזִיכְטִיק אַז מֶען זָאל אַלֵיין נִיט דֶערְטְרוּנְקֶען ווֶערְן חַס וְשָׁלוֹם.

**On a previous occasion,[12] an explanation was given of the Mishnah,[13] "Be of the students of Aharon…, loving the created beings and drawing them close to the Torah,"** highlighting the **two directives** combined **in that** teaching:

אוּן ווִי מֶען הָאט שׁוֹין אַמָאל גֶערֶעדט[כ] אִין דֶעם פֵּירוּשׁ פוּן דֶער מִשְׁנָה[כא] הֱוֵה מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַהֲרֹן כו' אוֹהֵב אֶת הַבְּרִיּוֹת וּמְקָרְבָן לַתּוֹרָה, אַז אִין דֶעם זַיְינֶען פַאַראן צְווֵיי הוֹרָאוֹת:

---

**8. *Shmos* 32:7.**

**9. *Shmos Rabbah* 42:6; *Zohar,* Vol. II, p. 45b.**

10. See, for example, the *Igros Kodesh* of the Rebbe Rayatz, Vol. 3, p. 280, *et al.*

11. See, for example, *Sefer HaMaamarim 5700,* p. 11, *et al.*

**12. See also *Likkutei Sichos,* Vol. 2, pp. 315-316.**

**13. *Avos* 1:12.**

a) **We must draw everyone close, even** people who are merely **"created beings," i.e., they have no other virtue other than the fact that G-d created them.**

b) Our approach **must involve drawing them close to the Torah and not adapting the Torah to the spirit of the created beings, Heaven forbid. On the contrary, the created beings** must **be drawn close to the Torah – the Torah in its perfection – without any compromise. The same applies to Jewish custom because "Jewish custom is Torah."**[14]

א) מֶען דאַרְף מְקָרֵב זַיְין אַלֶעמֶען, אֲפִילוּ בְּרִיּוֹת (דָאס הֵייסְט אַזֶעלְכֶע װעֶלְכֶע הָאבְּן נִיט קֵיין אַנְדֶער זְכוּת מֶער נִיט ווִי דָאס וואָס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי בַּאשַׁאפְן); ב) דֶער אוֹפֶן אִין דֶעם דאַרְף זַיְין "וּמְקָרְבָן לַתּוֹרָה", נִיט צוּפַּאסְן דִי תּוֹרָה לוֹיט דֶעם גַיְיסְט פוּן דִי בְּרִיּוֹת, חַס וְשָׁלוֹם, נָאר אַדְּרַבָּה, מְקָרֵב זַיְין דִי בְּרִיּוֹת צוּ תּוֹרָה - תּוֹרָה תְּמִימָה אָן קֵיינֶע פְּשָׁרוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ בְּנוֹגֵעַ מִנְהֲגֵי יִשְׂרָאֵל ווָארוּם מִנְהֲגֵי יִשְׂרָאֵל תּוֹרָה[כב].

## Timidity that Leads to Compromise

4. To take **a practical** approach: **There are some who argue that when we are speaking about drawing a Jew close to *Yiddishkeit*, why should any reckoning be made? I will bend a little when it comes to** the height of **the *mechitzah***[15] **in *shul* or the like because, in this way, many more Jews will come to *shul* and be drawn closer to *Yiddishkeit*.**

**They offer a further argument: Of course, in a setting of Jews who observe the Torah and its *mitzvos*,** there is no question that **we must be meticulous in the observance even of the slightest detail**[16] of Jewish Law. **However, in a place where there is opposition to the Torah and its *mitzvos*, we must** be willing to **bend a little regarding secondary matters so that what is fundamental will be preserved.**

**To what can the matter be compared? To someone who says, "When I am at home, and it is a time of peace, I will wear weaponry.** Why? **Because even though it is a time of peace,** to make **sure** of my safety, **I will wear weaponry." Howev-**

ד. וואָס ס'אִיז נוֹגֵעַ לְפּוֹעֵל:

פַּארַאן אַזֶעלְכֶע וואָס טַעֲנֶה'ן, בְּשַׁעַת אִיךְ קֶען מְקָרֵב זַיְין אַ אִידְן צוּ אִידִישְׁקַיְיט - אִיז וואָס זָאל אִיךְ דָא גֵיין מַאכְן חֶשְׁבּוֹנוֹת? אִיךְ ווֶעל פַּארְבּוֹיגְן אַ בִּיסְל ווֶעגְן מְחִיצוֹת אִין אַ שׁוּל וְכַדּוֹמֶה, דֶערְווַיְיל אָבֶּער ווֶעלְן דָאךְ קוּמֶען נָאךְ אַ סַךְ אִידְן אִין שׁוּל, אוּן זֵיי ווֶעלְן נֶענְטֶער ווֶערְן צוּ אִידִישְׁקַיְיט.

אוּן נָאךְ טַעֲנֶה'ט מֶען: מֵילָא אִין אַ סְבִיבָה פוּן אִידְן שׁוֹמְרֵי תּוֹרָה וּמִצְווֹת, דאַרְף מֶען טַאקֶע מְהַדֵּר זַיְין אוֹיךְ אוֹיף אַ קוֹצוֹ שֶׁל יוּ"ד, אָבֶּער בְּשַׁעַת מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַן אָרְט וואָס ס'אִיז דָא קֶעגְנֶערְשַׁאפְט צוּ תּוֹרָה וּמִצְוֹת, דֶעמָאלְט דאַרְף מֶען פַּארְבּוֹיגְן אוֹיפְן "טָפֵל", בִּכְדֵי צוּ פַּארְהִיטְן דֶעם עִיקָר.

אִיז לְמָה הַדָּבָר דּוֹמֶה - צוּ וואָס אִיז דָאס גֶעגְלִיכְן - צוּ אֵיינֶעם וואָס ווֶעט זָאגְן, אַז אִין דֶער הֵיים אוּן אִין אַ שַׁעַת שָׁלוֹם ווֶעט עֶר גֵיין מִיט כְּלֵי־זַיִן,

---

**14. See *Talmud Yerushalmi, Pesachim* 4:1; *Pirkei D'Rabbi Eliezer*, ch. 45.**

15. The partition separating men and women in the synagogue.

16. The literal meaning of the Hebrew term the Rebbe uses is "the point of [the letter] *yud*," referring to the scribal flourish at the upper left-hand corner of that letter.

**er, when that same individual goes out to war, he will not wear weaponry.** Why? **Because** a) **he** tries all sorts of strategies **so that** the other side **will not recognize that he is an enemy, and** b) going without weaponry **increases his mobility when he needs to** move.

Everyone will **recognize that** such thinking **is complete and utter foolishness.**

וָוארוּם הֲגַם עֶס אִיז טַאקֶע אַ שַׁעַת שָׁלוֹם, פוּנְדֶעסְטְוועֶגְן אִיז זִיכֶערֶער בְּשַׁעַת עֶר וועֶט גֵיין מִיט כְּלֵי זַיִן. אָבֶער בְּשַׁעַת עֶר גֵייט אוֹיף מִלְחָמָה, ווֶעט עֶר גֵיין אָן כְּלֵי־זַיִן, וַוייָלֶע: עֶרְשְׁטְנְס, וויל עֶר אַז מֶען זָאל נִיט דֶערְקֶענֶען אַז עֶר אִיז אַ שׂוֹנֵא. צְווֵייטְנְס, כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען גְרִינְגֶער בַּאווֶעגְן, בְּשַׁעַת עֶר ווֶעט דַארְפְן. פַארְשְׁטֵייט מֶען דָאךְ אַז עֶס אִיז אַ שְׁטוּת גָּדוֹל וּמוּחְלָט.

## A Remedy that Can Misfire

**5. Years ago, at a certain Rabbinic convention, one of the Rabbis said, "When one uses water to drink, it is important to know whether the water is potable. However, when one uses water to put out a fire, the quality of the water is not important."**

**My revered father-in-law, the Rebbe** Rayatz, **answered, "That is true when you are sure that you are using water and the question is only whether the water is pure or not. However, when you do not use water but kerosene,** the outcome will be different. True, **kerosene is also a liquid.** However, **not only will pouring it on a fire not extinguish it, but the fire will increase in intensity.**[17]

**The same applies regarding the above matter: By changing** something that is only a **custom, not only does one not bring about a positive change in the surroundings, but the opposite is true.**

**To cite a parallel: When speaking about the forgiveness and atonement** granted on **Yom Kippur, the Talmud**[18] **mentions Sages who maintain that the essence of the day brings atonement even without** ***teshuvah*** **and**

ה. אוֹיף אַ גֶעווִיסֶער אֲסִיפַת הָרַבָּנִים מִיט יָארְן צוּרִיק הָאט אֵיינֶער גֶעזָאגְט, אַז בְּשַׁעַת מֶען נוּצְט וַואסֶער אוֹיף טְרִינְקֶען, אִיז אַ נַפְקָא מִנָּהּ צִי עֶס אִיז גוּטֶע וַואסֶער צִי נִיט: בְּשַׁעַת מֶען דַארְף אָבֶער לֶעשְׁן אַ שְׂרֵיפָה, אִיז נִיט קֵיין נַפְקָא מִנָּהּ וועֶלְכֶע וַואסֶער דָאס אִיז. הָאט אִים כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ״ר גֶעעֶנְטְפֶערְט: דָאס אִיז נָאר דַאן בְּשַׁעַת עֶס אִיז זִיכֶער אַז דָאס אִיז וַואסֶער, עֶס אִיז מֶער נִיט אַ קְלֶער צִי ס'אִיז רֵיינֶע וַואסֶער אָדֶער נִיט. בְּשַׁעַת אָבֶער עֶס אִיז גָאר נִיט קֵיין וַואסֶער, נָאר עֶס אִיז קֶערָאסִין - נֶעפְט - דֶעמָאלְט אִיז נִיט נָאר וָואס מֶען קֶען דֶערְמִיט נִיט לֶעשְׁן דִי שְׂרֵיפָה, נָאר אַדְּרַבָּה, דִי שְׂרֵיפָה ווֶעט נָאךְ ווֶערְן שְׁטַארְקֶער, הֲגַם אַז קֶערָאסִין אִיז אוֹיךְ אַ מַשְׁקֶה.

אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בְּנוֹגֵעַ דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמָאנְטְן עִנְיָן, אַז מִיט מְשַׁנֶּה זַיְין אֲפִילוּ אַ מִנְהַג יִשְׂרָאֵל אִיז נִיט נָאר וָואס מֶען קֶען דֶערְמִיט נִיט פּוֹעֵל'ן לְטוֹבָה אוֹיף דֶער סְבִיבָה, נָאר גָאר פַארְקֶערְט.

אַזוֹי ווִי עֶס אִיז דָא אִין גְמָרָא[כג], בְּנוֹגֵעַ דִי סְלִיחָה וְכַפָּרָה פוּן יוֹם כִּפּוּר, אַז אֲפִילוּ לְמַאן דְּאָמַר עִצּוּמוֹ שֶׁל יוֹם מְכַפֵּר אָן תְּשׁוּבָה,

17. See the *Igros Kodesh* of the Rebbe Rayatz, Vol. 1, p. 610ff.

**18. See** ***Kerisos*** **7a; the Rogathchover** ***Gaon's Tzafnas Panei'ach*** **on** ***Rambam, Hilchos Yibbum*** **4:20.**

**that it atones even for transgressions violated on Yom Kippur itself.**[19] **However, it will not atone for transgressions violated on Yom Kippur that involve the prohibitions of Yom Kippur itself**[20] **because "an accuser cannot become a defender."**[21]

און אֲפִילוּ אוֹיף עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטָאן יוֹם כִּפּוּר גוּפָא, אָבֶּער אוֹיף עֲבֵירוֹת וועלְכֶע עֶר הָאט גֶעטָאן אִין יוֹם כִּפּוּר, וָואס זַיְינֶען פַארְבּוּנְדְן מִיט אִיסוּרִים פוּן יוֹם כִּפּוּר אַלֵיין, אִיז יוֹם כִּפּוּר נִיט מְכַפֵּר, ווַיְיל אֵין קַטֵיגוֹר נַעֲשֶׂה סַנֵיגוֹר[כד].

## More Zealous than G-d?

**6.** One could **argue: What does it matter if we bend a hair's breadth, when by doing so, we will gain what is of primary importance,** another Jew's involvement in *Yiddishkeit*?

ו. און אוֹיף דֶער טַעֲנָה, אַז וֶועמֶען אַרְט דָאס אַז עֶר וֶועט פַארְבּוֹיגְן אַ חוּט הַשַּׂעֲרָה, וויבַּאלְד אַז דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר פַארְדִינֶען דֶעם עִיקָר?

**There are two rebuttals to that approach:**

זַיְינֶען פַארַאן דֶערוֹיף צְווֵיי תְּשׁוּבוֹת:

**a) Even when one can be certain that he will have great success in drawing Jews closer to their Father in Heaven, it is stated regarding such matters,**[22] **"Do not be overly righteous." One should not be more pious than the Torah is. Since** *Shulchan Aruch* **deems such actions as forbidden, one should not be more** demanding in one's outreach efforts **than the** *Shulchan Aruch* requires.

א) אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס וָואלְט גֶעווֶען זִיכֶער, אַז מֶען וֶועט הָאבְּן דוּרְךְ דֶעם דִי גְרֶעסְטֶע תּוֹעֶלֶת אִין קִירוּב יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, שְׁטֵייט אָבֶּער אוֹיף אַזֶעלְכֶע עִנְיָנִים: אַל תְּהִי צַדִּיק הַרְבֵּה[כה]. מֶען דַארְף נִיט זַיְין פְרִימֶער פוּן דֶער תּוֹרָה. וויבַּאלְד אַז עַל פִּי שֻׁלְחָן עָרוּךְ טָאר מֶען נִיט, דַארְף עֶר נִיט זַיְין פְרִימֶער פַארְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, און דַארְף נִיט זָארְגְן אוֹיף מְקָרֵב זַיְין אִידְן צוּ אִידִישְׁקַיְיט מֶער ווִי תּוֹרָה זָארְגְט.

In response, **one may still argue: "True, I am not obligated to worry more about Jews than the Torah does, but what does it matter if I** voluntarily **take on such a worry?**

קֶען עֶר דָאךְ ווַיְיטֶער טַעֲנֶה'ן: גוּט, אִיךְ בִּין טַאקֶע נִיט מְחוּיָּב צוּ זָארְגְן פַאר אִידְן מֶער ווִי תּוֹרָה זָארְגְט פַאר זֵיי, אָבֶּער וֶועמֶען אַרְט דָאס אַז אִיךְ וֶועל יָא זָארְגְן?

**The answer is that this** approach **is wrong. No one has license to violate the words of Torah out of religious zeal.** Moreover, **who is to say that the benefit of drawing Jews closer** to *Yiddishkeit*, **as he thinks he will do, is more**

דַארְף מֶען אִים עֶנְטְפֶערְן אַז ס'אִיז נִיט אַזוֹי, עֶר הָאט בֶּאֱמֶת נִיט קֵיין רְשׁוּת עוֹבֵר צוּ זַיְין אוֹיף דִּבְרֵי תּוֹרָה, צוּלִיבּ זַיְין פְרוּמְקַיְיט. און וֶוער זָאגְט דָאס אַז דִי תּוֹעֶלֶת פוּן מְקָרֵב זַיְין אִידְן (וָואס עֶר מֵיינְט אַז עֶר וֶועט דוּרְכְדֶעם

---

**19, I.e., according to that opinion, if one employed black magic on Yom Kippur, Yom Kippur atones for that prohibition**

20. For example, eating on Yom Kippur.

**21.** ***Berachos*** **59a.** In this context, the intent is that since the holiness of Yom Kippur is the reason for the severity of the prohibition the person violated, that very holiness cannot cause the severity of the prohibition to be absolved. Similarly, in the instance at hand, the suggestion was made that showing leniency regarding matters that appear less significant will encourage interest in Jewish involvement as a whole. That is a fallacious argument because making compromises regarding Jewish observance will not encourage Jewish interest.

**22.** ***Koheles*** **7:16.**

**important than the law in the *Shulchan Aruch?***

**b) All the above applies even when one is certain that this approach will bring about a significant achievement. However, the truth is that since this approach runs contrary to the Torah, it will certainly not bring about a positive outcome; on the contrary, it will prove detrimental.**

דֶערְגְרֵייכְן) אִיז ווִיכְטִיקֶער ווִי דֶער דִין אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

ב) דָאס אַלְץ ווָאלְט גֶעווֶען אֲפִילוּ אוֹיב מֶען ווָאלְט גֶעווֶען זִיכֶער אַז דֶער סָארְט פִירוּנְג בְּרֶענְגְט אַ ווִיכְטִיקְן נוּצְן. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער, אַז ווִיבַּאלְד דָאס אִיז נִיט עַל פִּי תּוֹרָה, ווֶעט עֶס זִיכֶער נִיט בְּרֶענְגֶען קֵיין תּוֹעֶלֶת - נוּצְן - נָאר אַדְּרַבָּה, קִלְקוּל - שָׁאדְן.

## "Next Year in Jerusalem"

7. We can now understand what was stated at the outset – that *hei lachma anya…*,**"Here [for you] is the bread of affliction that our ancestors ate in the land of Egypt" corrects Yosef's statement, *hei lechem zera,*** "Behold, here is seed for you."

**We are saying that we know that as a result of Yosef's statement, *hei lechem zera,* "Behold, here is seed for you," "our ancestors ate** the bread of affliction **in the land of Egypt;"** Yosef's actions **led to the exile in Egypt, as stated above. Therefore, although we must draw everyone close** – we are issuing an open invitation, **"All who are hungry, come and eat; all who are needy, come and celebrate Pesach" – this must be done in the way the Torah prescribes.**

We are encouraging people "to **come and eat," but with the condition that they "celebrate Pesach"; they must carry out the entire Pesach Seder.**

**Following this approach leads to redemption. Although "this year, we are here" and "this year, we are servants," nevertheless, "next year, we will be in the Land of Isreal," and "next year, we will be free men."**

ז. אוּן דָאס אִיז ווָאס מִיר זָאגְן: הָא לַחְמָא עַנְיָא דִי אֲכָלוּ אַבְהָתָנָא בְּאַרְעָא דְמִצְרַיִם, ווָאס דָאס אִיז אַ תִּיקוּן אוֹיף דֶעם ווָאס יוֹסֵף הָאט גֶעזָאגְט הֵא לָכֶם זָרַע.

מִיר ווייסְן - זָאגְן מִיר - אַז דוּרְךְ דֶעם ווָאס יוֹסֵף הָאט גֶעזָאגְט הֵא לָכֶם זֶרַע אִיז - אֲכָלוּ אַבְהָתָנָא בְּאַרְעָא דְמִצְרַיִם, הָאט דָאס גוֹרֵם גֶעווֶען דֶעם גָלוּת מִצְרַיִם כַּנַ"ל. דֶערְפַאר אִיז כָאטשׁ כָּל דִכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכוֹל כָּל דִצְרִיךְ יֵיתֵי וְיִפְסַח, מֶען דַארְף טַאקֶע אַלֶעמֶען מְקָרֵב זַיְין, אָבֶּער מֶען דַארְף עֶס טָאן נָאר אִין דֶעם ווֶעג ווִי תּוֹרָה מָאנְט, טַאקֶע יֵיתֵי וְיֵיכוֹל, אָבֶּער מִיטְן בַּאדִינְג אַז יֵיתֵי וְיִפְסַח, עֶר דַארְף אוּן מוּז מַאכְן דֶעם גַאנְצְן סֵדֶר הַפֶּסַח.

אוּן דוּרְךְ דֶעם ווָאס מֶען גֵייט אִין דֶער ווֶעג, פּוֹעֶל'ט מֶען, אַז הָגַם הָשַׁתָּא הָכָא אוּן הָשַׁתָּא עַבְדִין, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן אִיז לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּאַרְעָא דְיִשְׂרָאֵל אוּן לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּנֵי חוֹרִין.

(משיחת ליל ב׳ דחה״פ, תשי״ד)

יד) פרי עץ חיים שער חג המצות פ"ז. סידור האריז"ל בהגדה.
טו) אין מדרש לקח טוב צו ויגש מז, כג: הא לכם מלשון הליכי.
טז) חולין ס, ב.
יז) משלי י, כה.
יח) שמות לב, ז.
יט) שמות רבה פמ"ב, ו. זהר ח"ב מה, ב.
כ) זע אויך לקו"ש ח"ב ע' 315־16.
כא) אבות פ"א מי"ב.
כב) זע ירושלמי פסחים פ"ד ה"א ובפרקי דרבי אליעזר פמ"ה.
כג) זע כריתות ז, א. צפנת פענח (להגאון הרגצובי) על הרמב"ם הלכות יבום פ"ד ה"כ.
כד) ברכות נט, א.
כה) קהלת ז, טז.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה״ת ר׳ משה יהודה בן ר׳ צבי יוסף ע״ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie